ב״ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אור ישראל

אידיש

**798**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ״ט לפ״ק

ספר

# אור ישראל

אין דיזען ספר ווערט ערציילט ווינדערליכע מעשיות, פון דיזע צדיקים וואס ווערען דא אויסגירעכענט, מיר האבען דאס גידרוקט אויף זשארגאן כדי יעדער מענש זאל קענין לייענען, און וויסען דאס גרויסקייט פון דיזע הייליגע צדיקים זכותם יגן עלינו, און זיך אפצולערנען, וויא אזוי צו דינען השי"ת:


א) פון הצדיק ר' יהושע העשיל פון אפטא ז"ל.

ב) פון הצדיק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב ז"ל.

ג) נאך פון הצדיק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב ז"ל.

ד) פון הצדיק ר' ישראל פון בערשיט ז"ל.

ה) פון הצדיק ר' ישראל מריזין ז"ל.

ו) פון הצדיק ר' יצחק אייזיק שו"ב ז"ל.

ז) פון הצדיק ר' דוד מטאלנע ז"ל.

ח) מהרב הצדיק בעל שם הקדוש ז"ל.

ט) נאך פון בעל שם הקדוש ז"ל.

י) פון הצדיק המגיד ממעזוריטש ז"ל.


Printed in Poland

# אווינדערליכע מעשה פון הייליגען רבין ר׳ יהושע העשיל פון אַפּטאָ.

**ווען** דער הייליגער רבי ר׳ יהושע העשיל פון אַפּטאָ איז אויפגענומען געוואָרין פאַר רב אין דער שטאָט יאַסי, האָט זיך דאָרט אַמאָהל גיטראָפין אַז עס האָט אויס גיפעלט פיש אויף שבת, אין דיא רבי׳צין פלעגט אָפּט קויפין פיש דאָנערשטאַג, איז זיא דאַמאָלס אויך גיגאַנגין אויף דעם פיש מאַרק קויפין פיש אויף שבת, האָט זיא גיבעטין ביי דיא פישערס זייא זאָלין זעהן צו צוגרייטין פין רבינ׳ס וועגין פיש אויף שבת, זיא וועט בעצאָהלין וויפיל מען וועט נאָר וועלין, דיא פישערס האָבין איהר צו גיזאָגט אַז מען וועט איהר שאַפין פיש אויף פרייטאָג, פרייטאָג איז דיא רבי׳צען ווייטער גיגאַנגין צו דיא פישערס פרעגין צו מען האָט איהר שוין צו גיגרייט פיש, האָבין זייא גיענטפערט אַז מען האָט דיזע נאַכט גיזוכט פיש אויף אַלע ערטער אין מען האָט ניט גיקריגין קיין פיש, נאָר מען האָט נאָך אַקלער אַז צווייא פישערס זענין אַוועק גיפאָהרין אויף אַ אָרט פיליכט וועלין זייא ברענגין פיש, דיא רבי׳צען האָט גיהאַט זייער גרויסע שמערצין דערפין, וואָרין עס האָט זיך איהר נאָך ניט גיטראָפין אַז זיא זאָל ניט האָבין פיש אויף שבת, זיא האָט דאָרט גיוואַרט ביז דיא צווייא פישערס וועלין קומען, נאָך אַפּאָהר שטונדען זענען דיא פישערס גיקומען אין האָבין גיברענגט צווייא גרויסע פיש אונ דיא רבי׳צען האָט זייא גיקויפט, אונ איידער זיא האָט בעצאָהלט פאַר דיא פיש איז אָהן גיקומען דעם גרעסטען גביר׳ס פרוי אויף אַ קאָטש אונ האָט זיך גיהייסען געבין פיש, האָבין איהר דיא פישערס גיענטפערט אַז מען האָט אויף דעם שבת ניט גיקריגין קיין פיש נאָר מיט גרויס מיה האָט מען גיחאַפּט צווייא פיש פאַר דער רבי׳צענס וועגין, וואָס זיא וואַרט דאָ נאָך פון נעכטין, דיא רבי׳צען האָט דיא פיש גיהאַלטען אין דער האַנד אונ דיא גביר׳תע האָט גישריגען ווער איז דאָס דיא אָרימע פרוי וואָס זיא קויפט פיש דאַמאָלס ווען מען קריגט ניט און דער גאַנצער שטאָט קיין פיש, איך וועל אייך בעצאָהלען טאָפּיל פאַר דיא פיש, און אַזוי וויא זיא האָט אַזוי גישריגען האָט זיא אויס גיחאַפּט דיא פיש ביי דער רבי׳צען און האָט זיך אויף גיזעצט אויף דער קאָטש און זיא האָט פון דער קאָטש אַראָפּ גיוואָרפען געלד צו דיא פישערס און האָט גיהייסען דעם פאָרמאַן ער זאָל אַוועק פאָהרין, דיא פישערס האָט דיא זאַך פערדראָסין נאָר זייא האָבין פאָרכט גיהאַט איהר עפּיס צו זאָגין, און דיא רבי׳צען איז גיבליבען שטיין זייער פערשעמט וויל זיא האָט זייער גישאָלטין אין די רבי׳צען איז זייער פאַרטרויערט אַהיים גיגאַנגען און האָט דערציילט איהר מאַן וואָס עס האָט זיך איהר פּאַסירט, האָט דער רבי גישיקט נאָך

דעם

דעם שטאָט שמש און האָט איהם גיזאָגט ער זאָל גייֵן צום גביר און זאָל איהם זאָגען אַז דער רבי׳ האָט גיהייסין זיך צוריק שיקען דיא פיש, אין אויב מען וועט איהם ניט וועלן געבען דיא פיש זאָל ער זאָגען צום גבירס פרוי אַז זיא איז אַ נואפת, דער שמש האָט זיך גיבעטען בייא דעם רבי׳ן ער זאָל איהם ניט שיקען דען ער האָט זייער פאָרכט פאַר דעם גביר, וואָרין אויב ער וועט דאָרט זאָגען דיזע ווערטער וועט מען איהם שלאָגען, נאָר דער רבי׳ האָט אויף איהם גוזר גיוועהן אַז ער מיז גייֵן אין זאָל זאָגען דיזע ווערטער מיט אַהויכע שטיממע אַפילו עס וועט זייַן פיהל מענטשין אין שטוב, דער שמש איז גיגאַנגען צום גביר און האָט צו איהם גיזאָגט אַז דער רבי׳ האָט איהם זייער גיבעטען ער זאָל איהם צוריק געבין דיא פיש וואָרין דיא רבי׳צען האָט גיקויפט דיא פיש נאָך פריער וויא איער פרוי איז גיקומען, און וויא דיא גביר׳טע האָט דאָס גיהערט איז זיא נאָך מיין צאָרינדיג גיוואָרין און האָט אָהן גיהויבין צו פליכען דעם רבי׳ן אין דיא רבי׳צען פאַר אַלע מענטשין וואָס זענין גיוועזין בייא דעם גביר אין שטוב, וויא דער שמש האָט גיהערט דאָס פלוכין פון דער גביר׳טע האָט ער זיך שוין ניט גיקאָנט איין האַלטין און האָט גיזאָגט איהר זאָלט וויסען איך בין אַ שמש איך מיז פאָלגין אַלעס וואָס מען טוט מיר זאָגען, אין מיר האָט מען אָנגיזאָגט אַז איך מיז פאָלגין וואָס דער רב וועט זאָגען און ער האָט מיך גישיקט איך זאָל דאָ עפּיס זאָגען דיזייבער זאָלט איהר ניט זייַן בייז אויף מיר אויב איך וועל זאָגען דעם רב׳ס רייד, האָבין זיך אַלע מענטשין וואָס זענין גיוועהן בייא דעם גביר אָנגירופען, רייד וואָס דיא ווילסט ריידין אין זאָלסט דיך ניט פאָרכטין פאַר קיינעם, וואָרין אויף דעם ביסטו אַ שמש זאָלסט פאָלגין וואָס מען הייסט דיך, האָט זיך דער שמש אָנגערופען דער רבי׳ האָט מיך גיהייסין זאָגען אַז דעם גביר׳ס פרוי איז אַ נואפת, און וויא ער האָט גיקאָנטשיט זיינע רייד איז ער אַרויס גילאָפּין וואָרין ער האָט זיך גיפאָרכטין מען וועט איהם שלאָגען, און וויא דער גביר האָט דאָס גיהערט איז ער גיבליבען זיצען אַזוי וויא צומישט, נאָכהער האָט ער אָהן גיהויבין צו צערנין און שרייַען, דער רבי׳ וועט מאַכין מיינע קינדער ממזרים, נאָך הייַנטיגען טאָג מוז איך איהם אַרויס טרייבין פון דער שטאָט יאַסי, האָבין זיך דיא מענטשין וואָס זענין גיוועהן בייא דעם גביר און שטוב אָהן גירופען עס איז ניט שיין פאַר אונז אַז מען זאָל אַ רב אַרויס טרייבען פרייטאָג, וואָס וועט די וועלט זאָגען דערויף, נאָר מיר מוזין זייַן גידולדיגט ביז מאָרגין פאַר׳ן לייענען וועט מען מאַכען אַ אסיפה און מען וועט שיקין נאָך דעם רב און מען וועט איהם פרעגין וועגין דיזען וואָס ער האָט באַפּוילין מיט דעם שמש, און אויב ער וועט ניט חרטה האָבין אויף זיינע רייד וועט מען איהם פאַרשעמען פאַר אַלע מענטשין, דער גביר האָט איינגעוויליגט דערויף צו וואַרטען ביז מאָרגין, נאָר

זייַן

זײַן פֿרױ האָט געשריגען מען זאָל נישט װאַרטען ביז מאָרגען, נאָר מען זאָל איהם נאָך הײַנט אַרױס טרײַבען פֿון שטאָט, נאָר מען האָט זיא ניט גיהאָרכט און מען האָט גיװאַרט ביז מאָרגין:

און װיא עס איז גיקומען שבת נאָך שחרית האָבין זיך אַלע מענטשין פֿין שטאָט פֿאַרזאַמילט און קהל-שטוב אַרײַן, און דאָרט איז גיװען אַ מנהג אַז אַלע שבת פֿאַר'ן לײענען האָט מען גיװאַרט אויף דעם רב ער האָט אַרױס גינומען דאָס ספר תורה פֿון אָרון הקודש אַרױס, און פֿלעגט זאָגין מוסר דעם עולם, און מען האָט גישיקט דעם שמש ער זאָל רופֿין דעם רב, דער שמש איז גיגאַנגען און האָט גיזאָגט דעם רב, אַז דער גאַנצער עולם האָט זיך פֿערזאַמילט אין קהל-שטוב אַרײַן און דער גביר אויך, און מען װאַרט אויף אײַך. דער רב איז גיגאַנגען אָהן גיטוהן דעם טלית און קהל-שטוב אַרײַן, און אין קהל-שטוב פֿלעגט שטײן אויף מזרח זײַט אַ שטיל פֿאַר דעם רב'ס װעגין, און אויף דער שטוהל פֿלעגט קײנער ניט זיצין אַפֿילו װען דער רב איז ניט גיװען, און דעם שבת האָט זיך דער גביר גיזעצט אויף דער שטוהל און דער גאַנצער עולם האָבין זיך אָפּ גישמיסט אַז דער רב װעט אַרײַן קומען זאָל מען זיך ניט אויף שטעלין פֿאַר איהם װעט ער זעלבסט מוזין אַנטלויפֿין פֿון שטאָט, נאָר װיא דער רב איז אַרײַן גיקומען איז גיפֿאַלין אַ פחד אויף דעם גאַנצען עולם און זײ האָבין זיך אַלע אויפֿגישטעלט נאָר דער גביר האָט זיך ניט גיקאָנט אויף שטעלין, איז דער רב צו גיגאַנגען צו איהם און האָט איהם אַראָפּ גישטופּט פֿון דער שטוהל און ער האָט זיך אַניעדער גיזעצט, און דער רב האָט צו זײ גיזאָגט װאָס פֿאַר אַ פֿערזאַמלונג האָט איהר דאָ גימאַכט, האָבין זײ גיענטפֿערט, דער רב האָט נעכטין באַפֿוילין צו דעם גביר'ס פֿרױ אַז זיא איז אַ נואפֿת, װילין מיר אַז דער רב זאָל דיא זאַך אויסװײַזען, האָט דער רב גיזאָגט איך װעל דיא זאַך אויסװײַזען מיט עדות, נאָר הײַנט איז שבת װיל איך ניט דעם שבת פֿאַרשטערען נאָר מאָרגין װעל איך אויסװײַזען דיא זאַך, װענין זײ אַלע שטיל גיבליבען נאָר דער גביר איז נאָך מײן צאָרענדיג גיװאָרין און האָט גיזאָגט אויב ער קען אויס װײַזין דיע זאַך זאָל ער הײַנט אויסװײַזען נישט מאָרגין, נאָר איך מײן אַז ער לײגט אָפּ אויף מאָרגין בעװײל ער װיל תיכף בײַנאַכט אַנטלויפֿין פֿון שטאָט און מאָרגין װעט איהר איהם זיכען און איהר װעט איהם ניט גיפֿונען, האָט דער רב גיזאָגט צום גביר שטיל דיא נאַר, איך װעל חלילה ניט זאָגין קײן ליגען נאָר איך װײס אַז מאָרגין װען איך װעל אויסװײַזען דיא זאַך װעסטו פֿאַרשעמט װערין נאָר דיא האָסט ניט קײן שולד אין דעם װאָרין דיא װײסט נישט דער פֿון, דער רב האָט גירופֿען דעם שמש און האָט איהם גיזאָגט מאָרגין אין דער פֿריא זאָלסטו נעמין מײַן שטעקין און זאָלסט גײן אויף דעם בית עלמין און זאָלסט אָהן קלאַפּען

אין

אין דעם קבר פֿון (פב"פ) און זאָלסט זאָגין דער רב רופֿט דיך זאָלסט צו איהם קומען צוועלף אַזייגער, און אַלע מענטשין זאָלין זיך דאָ פֿער־זאַמלען אין דעם גביר׳ס פֿרוי אויך, וועלין אַלע וויסען אַז עס איז דאָ אַגאָט צווישען דיא יודען, נאָר דער רב האָט אָהן גיזאָגט דעם שמש אַז ער זאָל מאָרגין מאַכין אַצווישען־שייד און שטוב מיט אַ פֿויערהאַנג און צו אַלע מענטשין האָט ער גיזאָגט פֿערזאַמילט אייך מאָרגין וועט איהר זעהן וואונדערליכע זאַכין, און וויא דער רב האָט גיענדיגט דיא רייד איז דער גביר גיבליבען און דער רב איז אַריין גיגאַנגין אין שוהל אַריין לייענין און דאַווינען מוסף, און דעם גביר׳ס פֿרוי וויא זיא האָט דאָס גיהערט, האָט זיא ניט גיוואָלט ווייזין פֿאַרין מאַן אַז דעם רב׳ס רייד זענין אמת, האָט זיא גישפּעט אויס דעם רב׳ס רייד:

צוּ מאָרגינס האָבין זיך פערזאַמילט דיא גאַנצע שטאָט מענטשין אין דעם קהל׳ס שטוב צו זעהן דאָס נייעס וואָס עס וועט פאָרקימען, און דער רב האָט דאַמאָלס גידאַווינט, און וויא ער האָט גיענדיגט דיא שמונה עשרה איז גיוועזן צוועלף אַזייגער, האָט ער גישיקט מען זאָל ברענגין דעם גביר׳ס פֿרוי, האָט מען גישיקט נאָך איהר אין זיא האָט ניט גיוואָלט גיין, אין זיא האָט גיפליכט דעם רב, איז דער שמש גיקומען און האָט דאָס דערציילט דעם רב, האָט ער גיזאָגט ריפט זיא נאָך אַמאָהל אין איהר זאָלט איהר זאָגין אויב זיא וועט ניט קומען וועל איך שיקין דעם טויטין נאָך איהר אין ער וועט זיא אַהער ברענגין, נאָר איך מיין אַז אויב דער טויטער וועט זיא ברענגען, וועט ער זיא ניט ברענגין לעבעדיג, איז דער שמש נאָך אַמאָהל גיגאַנגין און האָט איהר גיזאָגט דיזע רייד, דאַמאָלס איז זיא הערשט גיגאַנגין, וויא זיא איז אַהין גיקומין אין קהל׳ס שטוב האָט דער רב גיזאָגט צו דיא מענטשין וועט איהר דערקענין דאָס קול פֿון דעם טויטען איהר זאָלט וויסין ווער ער איז, ער איז אַ יאָהר טויט האָבין דיא מענטשין גיענטפערט מיר וועלין דערקענין, האָט דער רב גיזאָגט צום שמש ער זאָל אַביסיל אויף הייבין דיא פֿויער־האַנג אין דער רב האָט צו אים גיזאָגט, דיא פלוני בן פלוני דערצייל דיא אַלע מענטשין וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישין דיר און צווישין דער נואפת, האָט זיך אָנגערופען אַ קול פֿון אונטער פֿויער־האַנג מיט דעם לשון, הערט אויס ברידער! איך בין גיוועזין אַבוכהאַלטער ביים דעם גביר, אַמאָהל איז דער גביר אַוועק גיפֿאָהרין קיין בוקאַרעשט און איך בין גיזעסין און שטוב צורעכט גימאַכט מיינע רעכענונגס האָט צו מיר גיזאָגט דיא גביר׳תע איך זאָל קומען ביינאַכט דאָ נעכטיגען בעוויייל זיא האָט פֿאָרכט אַליין צו לאָזין דאָס הויז זיא שלאָפֿט מיט עטליכע צימערין ווייטער פֿון דער קאַסע־שטוב, און מיר און גידאַנק איז גאָר ניט איינגיפֿאַלין קיין שום קלער וועגין דעם איך האָב גירעכענט אַז עס איז אַזוי וויא זיא זאָגט, דאָס זי האָט מוראָ צו לאָזין די שטוב אַליין, און בין גיקומען דורט נעכטיגען

און

און האָב מיך גילייגט שלאָפען און דער קאַסע־שטוב, אונ זיא איז גישלאָפען און דער פֿערטער שטוב, און מיטען דער נאַכט גיב מיך אַחאַפּ־אויף פון שלאָף, האָב איך מיך דער שראָקין דען עס ליגט ווער נעבין מיר, גיב איך אַפרעג ווער איז דאָס, ענטפערט זי מיר, איך דיין ווערהעטען בין דאָס, איך פֿאַרלאַנג אַז זאָלסט מיט מיר מזנה זיין, און איך וועל דיך רייך מאַכען, און אויב ניט, וועל איך דיך נאָך ברענגין און קייטען, דען איך וועל זאָגין אַז די האָסט מיך ביי גנבת, וועט מען דיך באַלד זעצען און תפוסה אַריין, און זיא האָט מיך מיט איהרע פיל גוטע רייד, איבערגיריייד צו דער גרויסע עבירה, אונ יעצט ווי איז צו מיר, איך האָב יעצט אויף דעם עולם האמת קיין רוה ניט, אַפילו און גיהנום אַריין לאָזט מען מיך ניט, און דער טויטער האָט דערציילט אַלעס וואָס עס האָט זיך פּאַסירט מיט איהם פון נאָך זיין טויט אָן ביז היינט, ביז אַלע מענטשען פון דעם פֿאַרזאַמלונג האָבען אָנגיהויבען שטאַריק צו וויינען, אויף זיין בוטערען שטאַנד יעצט, אויף זיינע יסורים וואָס ער האָט יעצט, דער נאָך האָט דער רב הקדוש גיגעבען אַגישריי אויף דער גביר'תע, די מרשעת, יעצט ביזט די מודה אויף די רייד וואָס דער טויטער זאָגט דיר יעצט און די אויגען אַריין, האָט זי הירשט אַרויס גילאָזט אַגיוויין און האָט גיזאָגט איך קען יעצט ניט לייקענען דעם טויטען, דען עס איז אַלעס וואָהר, איך האָבע טאָקי גיזונדיגט, האָט דער רב הקדוש גיהייסען מען זאָל באַלד ברענגען אַסופר און עדות. און מען זאָל שרייבען אַ גט, און האָט גיהייסען דער מאַן זאָל זיא גט'ן, זאָ וויא דער דין איז, און דער נאָך האָט דער רב איהר אַרויסגיגעבין אַ האַרבי תשובה, און אויף דער טויטער האָט גיהאָט דורך דעם אַ גרויסען תיקון, בעוויל ער האָט מודה גיוועזין אויף זיינע זינד פֿאַר פיהל מענטשין, ווערלכיס מען האָט איהם גיהאַלטען ביי זיין לעבען פֿאַר אַ אָרענטליכען מענטש, האָט דער רב איהם אויך אַ גרויסע טובה געטאָהן, נאָך דיזער מעשה האָט הירשט די שטאָט יאַסי גיוויסט וואָס פֿאַר אַרב אַ צדיק זיי האָבען און האָבען גרויס פורכט פֿאַר אים גיהאַט, אָבער דער רב הקדוש איז דאָרט ניט לאַנג גיוועזען, און איז געוואָרען רב און אַפּטאָ, און דער נאָך און מעזיבוזש, זיין זכות זאָל אויף אונז אַלע מגין זיין, אמן:

# אווינדערליכע מעשה פון הייליגען צדיק ר' לוי יצחק פון באַרדיטשוב זצוקללה"ה.

**דער** רבי ר' לוי יצחק איז אַמאָהל גיפֿאָהרען קיין ווילנאַ אויף אַ דין תורה האָט ער גיזעהן איין גישריבען און שטאָט פינקעס אַז מיט אַ פאָהר הינדערט יאָהר צוריק איז און ווילנא גיוועזן אַ גרויסער גביר זייער אַ פיינער

אַ פֿיינער מענטש עס איז געווען תורה וגדולה במקום אחד נאָר קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט, דער ווייל איז זיין ווייב אים געשטאָרבען האָבען דיא שדכנים אָנגעהויבען אים צו רעדען שידוכים ער זאָל נעמען אַ יונג ווייב כדי ער זאָל נאָך קענען איבער לאָזען אַ קדיש, זיין פֿאַמיליע אָבער האָבען געהאַט אַן אויג אויף דעם עשירות זייא האָבען נאָר אויס געקוקט דעם אַלטען צו פּטר'ן זייא זאָלען בייא דער ירושה בלייבען, אַלזאָ האָבען זייא אים אָב גערעדט דערפֿון:

דער עושר האָט געהאַט אַן אָרימען ברודער וואָס האָט שוין געהאַט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען, וויא ער האָט געזעהן אַז זיין ברודערס ווייב איז געשטאָרבען האָט ער אָנגעהויבען צו קלערען עצות אפשר וועט ער קענען פּויעל'ן זיין רייכער ברודער זאָל חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער, ער האָט פערלייגט פער־שידענע פּלענער ביז עס איז אים געלונגען דעם שידוך אויס צו פיהרען, דאָס פּאָר־פאָלק האָבען צו מזל חתונה געהאַט און האָבען גאַנץ פרעהליך געלעבט, עס איז אַוועק געגאַנגען אייניגע יאָהרען און זייא האָט פון אים קיין קינדער ניט געהאַט, דיא אורזאַכע איז געווען ווייל ער איז געווען אַ עקר (ער האָט ניט געקענט קונדער האָבען) פּלוצלונג האָט זיין יונג ווייב אָנגעהויבען שוואַנגער צו ווערין, אָבער דער מאַן האָט געוויסט אַז דאָס איז ניט פון אים, ער האָט דיא זאַך דער ציילט פאַר דעם ווילנער רב וועלכער איז געווען זעהר אַ גרויסער חכם, זיין ווייב האָט אים צו מזל געהאַט אַ בן־זכר אויף דער עלטער, דער גביר האָט ניט געוואָלט מפרסם זיין פאַר יעדען אַז דאָס קונד איז אַ ממזר, האָט ער געוויזען פאַר יעדען וויא ער פרייט זיך זייער מיט זיין בן־זקונים, ער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה צו דעם ברית מילה וויא דער שטייגער איז בייא אַלע גרויסע גבירים, נאָר דער רב האָט פון דעם אַלעס געוויסט, וויא עס איז געקומען צו דעם ברית איז ער זעלבסט געווען מוהל, און האָט דאָס קונד געמאַכט פּעלער־האַפטיג עס זאָל שוין קיין קונדער ניט קענען האָבען, אָבער קיינער האָט דערפון נישט געוויסט, נאָך דעם מל זיין האָט דער רב געמאַכט דעם קונד אַ צייכען מיט דעם מוהל־מעסער אויף זיין אויער, האָט אים יעדער געפרעגט, פאַר וואָס ער טוהט דאָס, האָט ער געענטפערט אַז ער האָט דאָס ספּעציעל געטוהן עס זאָל יעדער דער קענען וויא ווייט דאָס קונד איז געשעצט ביי זיינע עלטערען:

אַז דאָס קונד איז אַלט געוואָרען אַ פאָהר יאָהר האָט מען עס געפיהרט און חדר אַריין און ער האָט זיך זעהר שיין געוויזען, דער ווייל איז דער עושר געשטאָרבען און זיין מוטער האָט צו גענומען דיא גאַנצע ירושה פון זיינ'ט וועגען, דאָס קונד איז טאָג טעגליך געוואָרען מיין למדן ביז דאָס ער פּלעגט זיך מפלפל זיין מיט אַלע גרעסטע לומדים און זייא זענען אַלע פערשעמט געוואָרען איבער זיין גרויס חריפות, האָבען זייא אים גערופען „ממזר", וויא ער האָט געהערט אַז מען האָט אים שוין געקריינקט מיט דעם

מיט דעם נאָמען, איז ער איין מאָהל אהיים געגאַנגען צו זיין מוטער און דער צייָלט איר אַז מען ריפט אים יעדער „ממזר" דאַן איז פאַר אים קיין אַנדערער פּלאַן ניט דאָ נאָר זיא זאָל אים געבען אַ סוממע געלד חעט ער פון דאַנען אָפּרייזען דען ער קען נישט פער טראָגען דיא גרויסע בושה, זיין מוטער האָט אים געגעבען אַ סוממע געלד און ער איז אָבגערייזט אַ ווייטע שטרעקע פון ווילנא' און אַ גרויסע ישיבה אַריין, ער האָט דאָרט געלערינט מיט גרויס התמדה ביז ער איז געוואָרען דער גרעסטער למדן צווישען אַלע בחורים פון דער ישיבה:

**דאָמאָלס** איז און רוים געוועזען אַ גרויסער עושר אַ ירא שמים, וועלכער האָט געהאַט אַ בת-יחידה, און דאָס איז דאָך בעוויסט אַז אַמאָהליגע צייטען אויב עס פלעגט איינער וועלען אַ שידוך טוהן מיט אַ גוט יונגיל איז ער געפאָהרען און אַ ישיבה אַריין און האָט זיך אויס געקליבען וועלכען בחור עס איז אים געפעלען, דאָס זעלביגע האָט דער עושר אויך געטוהן, ער איז געפאָהרען פונקטליך און דער ישיבה אַריין וואָס דער ווילנער בחור האָט געלערינט און האָט זיך געהייסען אויסקלויבען אַ חתן אַ מושלם בכל המעלות, מן הסתם האָט ער דעם משגיח אויך גוט בעצאָהלט, האָט ער אים אויס געקליבען דעם ווילנער בחור, איבער דער גאַנצער צייט איז קיינער נישט געוואָהר געוואָרען פון וואַנען ער שטאַמט אַרויס, ער האָט געזאָגט אַז ער איז פון אַ ווייטע שטאָט וואָס עס איז דאָרט נישט בעקאַנט געוועזען, דער עושר האָט צו מזל תנאים געשריבען און עס איז בקרב געוועזען אַ חתונה, דער איידים איז געוועזען זייער געשעצט בייא זיינע שווער און שוויגער, זייא האָבען אים געהאַלטען וויא אַ אויג און קאָפּ, דען ער איז געוועזען אַ גרויסער למדן און אַ מושלם בכל המעלות, ער איז און רוים געווען פיל יאָהרען און עס איז קיינער נישט געוואָהר געוואָרען ווער ער איז, און קיין קונדער האָבען דאָס פּאָר-פּאָלק נישט געהאַט:

**און** יענער צייט איז דער ווילנער רב אַרויס געפאָהרען אויף דער וועלט צוזאַמען נעממען געלד אויף פדיון-שבוים, איז ער קיין רוים אויך געקומען און מען האָט אים דאָרט גרויס כבוד צו געטהיילט. פרייטאָג צו נאַכט האָט דער רב געדרש'נט זעהר וואונדערבאַרע דרושים אָבער דעם עושר'ס איידים האָט זיך אים אַ קעגען געשטעלט און האָט אים יעדעס מאָהל אָפּגעוועגדט, אויף שבת און דער פריא האָט זיך דער רב צו געגרייט זעהר אַשאַרפע דרשה, ער האָט געמיינט אַז מען וועט אים שוין יעצט נישט קענען אָפּשטעלען, אָבער דעם גביר'ס איידים האָט אים בייא דער דרשה אויך אַזוי געטוהן, איז דער רב זעהר פאַרשעמט געוואָרען, נאָר ער האָט נאָך אַלס נישט געקענט דערקענען ווער ער איז, נאָך שבת האָט דער רב געבעטען דיא שטאָט עס זאָל יעדער געבען נדבות אויף פדיון שבוים, ווען ער אַהיים פאָהרען, וויא ער איז געקומען צו דעם גביר האָט ער אים געבעטען ער זאָל בייא אים

אים פֿערבלײַבען אויף נאָך אַ שבת כּדי זײַן אײדים זאָל זיך מפלפל זײַן מיט איהם װעט ער איהם דער פֿאַר געבען אַ שײנע נדבה, דער רב האָט דערצו אײַנגעװיליגט און איז פֿערבליבען אויף נאָך אַ שבת, זײ האָבען זיך אַגאַנצע װאָך מפלפל געװעזען און דער רב האָט זיך גאָר נישט געקענט פֿאַר חידוש'ן אויף זײַן גרויס קענטעניס, שבת צו נאַכט'ס האָט דער רב געגעבען אַ קוק אויף דעם גביר'ס אײדים האָט ער דערזעהן אַז ער האָט אויף זײַן אויער אַ צײכען, דאַן איז שוין דער רב געװאָר געװאָרען װער ער איז, דער רב האָט דעם גביר אַרײַן גערופֿען און אַ בעזונדערען צוממער און האָט איהם ענטדעקט די גאַנצע מעשה װער זײַן אײדים איז, דער רב האָט זיך אָבגענומען זײַן נדבה און איז אַהײם געפֿאָהרען, װי דער גביר האָט דאָס געהערט איז ער פֿאַר גרויס קרענקונג צו בעט געפֿאַלען, האָבען זײַן הויז־געזונד געשיקט זײַן געליבטען אײדים ער זאָל איהם פֿרעגען פֿון װאָס זײַן קרענק איז צו איהם געקומען, דען ער האָט זײ זעלבסט נישט געװאָלט ענטדעקען, זײַן שװעהר האָט איהם דערצײלט אַז דער װילנער רב האָט איהם געזאָגט דאָס ער איז אַ ממזר און װעט קײן קינדער נישט קענען האָבען, דעריבער פֿערלאַנגט ער אַז ער זאָל זײַן טאָכטער גט'ן, ער האָט זיך נישט צו פֿיל אײַן געעקשנט און האָט זי באַלד אָב געגט, ער איז פֿון דאָרט אָפּ געפֿאָהרען און ער האָט זיך געשמד'ט, און האָט זיך אָהן געהויבען צו לערנען חכמת יונית און ער האָט זײער מצליח געװעזען און לערנען ביז ער איז געװאָרען גלח, נאָכהער איז ער געװאָרען פּאָפּס און רום, און דער שװער זײַנער האָט נישט געװיסט װאָס עס איז מיט איהם געשעהן צײַט ער האָט געגט זײַן טאָכטער, און זײַן שװער מחמת זײַן פֿיהל רײַכקײט האָט ער געהאַט פֿוהל שונאים האָבען זײַנע אײגענע היטערס אָהן גערעדט אַ שוסטער ער האָט געהאַט פֿוהל קינדער, ער זאָל זײ געבען אײן קינד און האָבען איהם בעצאָהלט דערפֿאַר צעהן רענדלעך און זײ האָבען עס געהרגעט און מען האָט עס אונטער געװאָרפֿען צום גביר און הויף, און מען האָט אויך איהם געמאַכט אַ בלבול אַז ער האָט עס געהרגעט, און מען האָט גענומען דעם גביר מיט'ן װײַב מיט זײער טאָכטער און מען האָט זײ אײַן געזעצט און תּפֿיסה אַרײַן ביז מען װעט זיך אָנפֿרעגען בײַם פּאָפּס װאָס מען זאָל טוהן מיט זײ, און די יודען האָבען ערב געװעהן פֿאַר'ן גביר מיט'ן בני בית און מען האָט זײ פֿרײַ געלאָזט ביז'ן טאָג און דער פּאָפּס האָט געהערט װאָס עס איז געשעהן מיט זײַן שװער, האָט ער זיך איבער געטוהן זײַנע מלבושים און איז געקומען צום שװער קויפֿען װײַן, האָט ער געזעהן װי דער שחער איז זײער טרויעריג, און דער שװער האָט איהם נישט דערקענט, האָט ער געפֿרעגט דעם שװער פֿאַר װאָס ער איז אַזוי טרויעריג, האָט ער איהם דערצײלט די מעשה מיט דעם בילבול װאָס מען האָט אויף איהם געמאַכט, און ער האָט נישט געװיסט אַז דאָס איז דער פּאָפּס, דער פּאָפּס האָט איהם געטרײסט אַז עס װעט גאָר נישט זײַן דערפֿון, און

אַ צײַט

אַ צייט אַרום איז אָהן געקומען דיא באַפירען צום פּאָפּס ער זאָל אַרויס געבען אַ פסק דעם גביר, האָט דער פּאָפּס גיהייסען מאַכען צוויי גרויסע פייערען, איין פייער און דער זייט שטאָט, און איין פייער און דער צווייטער זייט שטאָט, און האָט גיהייסען ברענגען דאָס גיהאַרגוטע קינד, און דער פּאָפּס האָט גוט גיקאָנט דיא חכמת הכישוף, האָט ער גימאַכט מיט כישוף אַז דאָס קינד זאָל קאָנען ריידען, און האָט דאָס קינד אַנודער גישטעלט נעבין פייער און דיא גאַנצע שטאָט מענטשען זענען גיוועהן דערביי און האָט גיזאָגט צום קינד דערציילט פאַר אַלע מענשען וואָס מיט דיר איז גישעהן, האָט דאָס קינד דערציילט עס האָט גיזעהן וויא עס זענען אַריין געקומען דעם גביר'ס צוויא היטערס צו זיין פאָטער און האָבען איהם גיגעבען צעהן רענדליך ער זאָל מיך איבער געבען צו זיי און דיא הענד, און זיי האָבען מיך געהאַרגיט און מיך אַריין גיוואָרפען צום גביר און הויף, האָט דער פּאָפּס תיכף געהייסען נעמען די צוויי היטערס און דעם פאָטער פון קינד און זיי פאַרברענען אופ'ן פייער, און דער פּאָפּס אַליין איז צוגיגאַנגען צום צווייטען פייער און האָט זיך אַריין גיוואָרפען און פייער אַריין אויף קידוש השם, און איז פאַרברענט גיוואָרען, און וויא דער הייליגער רבי ר' לוי יצחק פון באַרדיטשוב האָט דאָס גיזעהן, האָט ער גיזאָגט הלואי מיין חלק זאָל זיין מיט איהם:

# נאָך אַ מעשה פון הרב הצדיק ר' לוי יצחק מבאַרדיטשוב זצ"ל.

און דער צייט ווען הרב הצדיק מבאַרדיטשוב, האָט גיוואָהנט און באַרדיטשוב איז גישטאָרבען אַ שניידער, גאָר פון די אנשים פחותים, איז מען גיגאַנגען פרעגען להרב הצדיק מבאַרדיטשוב וואו מען זאָל אים לייגען, האָט הרב הצדיק איהם גיהייסען לייגען נעבין אַ שניידער וואָס ער איז נאָך פאַרדרייסיג יאָהר גישטאָרבען, ער איז אויך גיוועזען אַזוי איין מענש, ווי מען האָט אָן גיהויבען צו גראָבען דאָס קבר, האָט מען אָנגיטראָפען אויף יענימס קבר און מען האָט דער זעהן וויא ער ליגט גאַנץ מיט די קליידער, איז מען גילאָפען זאָגען להרב הצדיק די מעשה דאָס דער שניידער ליגט גאַנץ נישט פערפוילט, איז איהם זעהר אַווינדער גיוועזען, האָט הרב הצדיק דעם שמש גיגעבען זיין פאַרטשיילע און האָט איהם גיזאָגט דאָס ער זאָל גיין צו דעם מת און איהם ווייזען אַ צייכען זיין טיכעל און איהם זאָגען דאָס הרב מבאַרדיטשוב האָט איהם גיהייסען תיכף קומען, האָט דער שמש אַזוי גיטאָהן איז דער מת גיקומען, האָט הרב מבאַרדיטשוב איהם גיפרעגט וואָס איז די מצ֗ת

וואָס

וואָס די ליגסט נאָך גאַנץ, איך ווייס דוך וואָס די ביסט געווען ביי דיין לעבען, האָט דער מת געענטפֿאַרט די מעשה איז אַזוי, איך בין דוך געוועזען אַ שניידער איז צו מיר אַמאָהל געקומען איינער איך זאָל איהם געבען אַ נדבה אויף פדיון שבויים, האָב איך איהם געפרעגט וויפיהל עס פעהלט איהם נאָך געלד, האָט ער מיר געענטפֿאַרט עס פעהלט איהם נאָך צוועלף רובל, האָב איך צו איהם געזאָגט איך וועל דיר געבען די צוועלף רובל, נאָר באופן אַז די זאָלסט אָן טאָהן דעם מאַנטיל וואָס איז ביי מיר געלעגען איבער צו נייען פון איין פריצה, און די זאָלסט מיט דעם מאַנטיל גיין זיבען מאָהל אַרום דעם ראַטה-הויז און מיינע אַלע יונגען וועלען דיר נאָך גיין מיט קאָטשערעס און לאָפּיטעס, אַז דו וועסט אַזוי טאָהן וועל איך דיר געבען די צוועלף רובעל, האָט זיך דער מענטש געטראַכט עס וועט ביי איהם נאָך אַוועק גיין פיהר וואָכען ביז ער זאָל מאַכען צוועלף רובעל, און אַזוי וועט ער תיכף איבערקומען האָט ער דערויף מסכים געוועזען, און האָט אָן געטאָהן דעם אַלטען מאַנטיל און די אַלע יונגען זענען מיט איהם זיבען מאָהל אַרום געגאַנגען דאָס ראַטה-הויז מיט גרויסע קולות און געלעכטערס, און איך האָב איהם געגעבען די צוועלף רובל, און אַ צייט אַרום איז ער געשטאָרבען איז נישט געוועזען אויף תכריכים האָט מען גענומען די ווייסע פּאָטשעווקי וואָס איז געוועזען אונטער דעם אַלטען מאַנטיל און מען האָט פון דעם געמאַכט תכריכים, יעצט מיט דעם כוח וואָס דער מענטש האָט אַריין געגעבען אין דעם מאַנטיל פון דער מצוה וואָס ער האָט געטאָהן, איז איהם דאָס מציל און איז נישט פערפֿוילט געוואָרען, אַ סימן ביי דעם לינקען פוס איז נישט אויס-געגאַנגען די לענג פון דער פּאָטשעווקי איז דאָס שטיק פוס פערפֿוילט געוואָרען, האָט הרב הצדיק מבאַרדיטשוב געזאָגט דאָס מען זאָל איהם נעבין איהם טאַקי ווייטער לייגען, פון דיזע מעשה זעהט מען וויא גרויס עס איז דער כוח פון צדקה, דאָס עס היט אָפּ פון אַלעס שלעכטס :

# אַווינדערליכע מעשה וואָס עס האָט דער צייילט הגאון הקדוש ר׳ יהושע העשיל מאַפטאַ.

דער הייליגער בעל שם טוב איז אַמאָהל געפאָהרען און וועג אַריין איז ער געשטאַנען און אַקרעטשמע אונטער בראָד, און דער אַרענדאַר איז געוועזען דעם בעש״ט אַ חסיד האָט איהם דער אַרענדאַר זייער שיין אויף גענומען און האָט געמאַכט אַפּיינעם מאָלצייט פון זיינטוועגען און פֿאַר אַלע מענטשען וואָס זענען מיט איהם געפֿאָרען, און זייא האָבען דאָרט גענעכטיגט, מאָרגען נאָך דעם עסען זאָגט דער בעש״ט צום אַרענדאַר זאָג

מיר

מיר טאָמער האָסטו עפּיס אבקשה צו בעטען וועסטו אַצונד גיהאָלפען ווערען, זאָגט דער אַרענדאַר איך דאַנק גאָט איך האָב גאָר ניט וואָס צו בעטען בײַ דעם רבּי, נאָר מיר זאָלען זײַן געזונד און שטאַרק, וואָרום מיר פעהלט גאָר ניט ב״ה, זאָגט דער בעש״ט צו אים נו, אַז דו האָסט מיך ניט צו בעטען וועל איך דיך עפּיס בעטען, זאָלסט מיר נאָר ניט אָפּזאָגען, האָט אים דער אַרענדאַר גיענטפערט איך וועל אַודאי טוען מיט אַלע מיגליכקייט פאַר דעם רבּי, האָט זיך דער בעש״ט גיזעצט בײַ דעם טיש און האָט אָפּגישריבען אַבריף און האָט צונויף געלייגט און האָט פאַר חתמ׳ת און זאָגט צום אַרענדאַר, דעם בריף־דאַרף איך שיקען קיין בראָד, בעט איך דיך זאָלסט אים אָפּפירען קיין בראָד, זאָגט דער אַרענדאַר, פאַר דעם רבּי וועל איך דאָס גלײַך טוען, און נעמט דעם בריעף בײַא דעם בעש״ט פון דער האַנד און לייגט אים אַרײַן צו זיך און קעשינע. זאָגט דער בעש״ט איך וויל באַלד פאָרען מסתמא וועסטו מיך פאָרען בלייטען אַ בוסיל, זאָגט ער יאָ. און לויפט גלײַך און הויז נעמען איין שפּאַן פון זײַנע פערד, אַזוי ווי ער האָט זיך אײַנגעבוגען נעמען די שטרוק צו די פערד איז אַרויס גיפאַלען דער בריף פון זײַן בוזעם קעשינע און דעם קאַסטען אַרײַן וואָס איז געלעגען דאָרטען די שטרוק, און ער האָט אײַנגעשפּאַנט דיָ פערד און איז גילאָפען בעלייטען, און איז געקומען צוריק, אָן דעם בריף האָט ער פאַרגעסען ער האָט גאָר ניט געדענקט אָן אים דער נאָך

איז ער ווידער געוועזן בײַ דעם בעש״ט און דער היים האָט אים דער בעש״ט אויך גאָר ניט דערמאַנט וועגען דעם בריף, און אַזוי האָט געדויערט אַלאַנגע צײַט ביז נאָך דעם הסתלקות פון דעם בעש״ט ז״ל, דער ווײַל איז דער אַרענדאַר ווייער אַראָפּ פון זײַן שטאַנד און איז געוואָרען איין אָרומאַן, ער האָט פאַר קויפט אַלעס ער האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו פאַרקויפען:

**ויהי** און עס איז געוועזן און זיבּיצען יאָהר אַרום נאָך דעם בעש״ט הסתלקות, איז גיגאַנגען דער אַרענדאַר צום קאַסטען וואָס איז געשטאַנען בײַ אום און הויז און האָט אויסגעלייידוגט צו זעהן פיליייכט איז נאָך דאָ און אים עטוואָס נייטוגס צו פאַרקויפען, האָט ער דער זעהן ליגען אויף דעם בוידעם פון דעם קאַסטען דעם בריף וואָס דער בעש״ט האָט אים געגעבען, נוא ווי ער האָט דער קאָנט דעם הייליגען בעש״ט כתב איז ער חלשות גיבליבען, און זאָגט אַצונד ווייס איך פון וואנען מײַן אומגליק נעמט זיך, ער הייבט אָן צו בעטראַכטען דעם בריף און זעהט צו ווענען ער איז געשריבען און האָט אים מורא צו עפינען ער טראַכט זיך איך וועל דעם בריף אָפּפיהרען קיין בראָד פיליייכט וועט ער נאָך נוצען צו די לײַט וואָס מען האָט אים געשיקט, און טאָמער איז אין אים דאָ אַ סוד איך וויל אים ניט עפינען, און ער גייט נעביך צו פיס קיין בראָד דויערט דער וועג בײַ אים דרײַ טאָג, ער קומט אָהן קיין בראָד און גייט און ביהמ״ד און פרעגט אַלטע לײַט אויב זיי געדענקין מיט צוואָנציג יאָר צוריק ווער עס

איז געווען די אויסגיוועהלטו פון שטאט און זאגט דו נעמען ווער עס איז אן געשריבען אויף דעם בריף, זאגען דו זקנים צו אים עס איז ניט געווען א זעלכע מענטשען גיוועהלט, ער פרעגט דעם אנדערען דעם דריטען און אלע ענטפערען אים דאס זעלבע, ער האט גיוויזען דעם בריף זקנים, און אלע האבען אים מורא געהאט צו עפונען, זאגט איינער און געלעכטער יעצט איז די וואהלען אויף דו גיוועהלטו און דער גרויסער שול, פיליכט וועלען אזעלכע לייט יעצט ארויס קומען צו זיין אויסגיוועהלטו האבען זייא אלע געלאכט נאר דער קאטאוויס איז געווען אגאנץ ריכטיגער, עס איז טאקע אזוי געוועזען, עס זענען בעקומען יונגלעך צו לויפען פון דער שול און ווינטשען גליק, דער און דער זענען יעצט גיוועהלט גיווארען, דער ארענדאר פרעגט נאך אמאל ווי אזוי זיי הייסען ער זעהט אבער עס איז פונקטליך ווי אויף דעם בריף שטייט, ער וואונדערט זיך זייער דערויף און האלט זיך איין עצה מיט די לייט וואס ער זאל טאן, זאגען זיי צו אים ווארט אובער אביסעל, וועט דער עולם איבער גיין פון קהל'ס שטוב וואס מען האט די נייע פארשטער אפגיפירט אהין, וועסטו גיין צו זיי און וועסט זיי אפגעבען דעם בריף, וועלען זיי אים עפונען וועט מען זעהן וואס און אים שטייט, וועט מען וויסען צו גיהער דער בריף צו זיי אדער ניט, נו ער טוט אזוי און גייט צו זיי און קהל'ס שטובעל, ער טרעפט זיי און פרעגט ווער זענען דו פארשטער, ווייזט מען אים אן, זאגט ער צו זייא,

מיינע הערין איך האב צו אייך אבריף פון דעם בעש"ט ז"ל, האבען זיי זיך צו לאכט, און זאגען פון וואנען זענט איר נארישער מענש וואס איר זאגט אונז אזוי אלוגענט, דער בעש"ט איז שוין זיבעצען יאר אויף דעם עולם האמת, און מיר זענען און גאנצען אלט פון צוואנציג ביז פופף און צוואנציג יאר, נו וויא קען זיין אז דער בעש"ט האט צו אונז אבריף גישוקט, זאגט דער מענש גלייבט מיר מיינע הערין עס איז מיר אויך אוונדער, נאר דו מעשה איז אבער אזוי געווען, און האט זיי דער ציילט דו גאנצע מעשה האבען זיי גענומען דעם בריף ביי אים פון דער האנד און האבען אים גיעפונט, שטייט און דעם בריף דיזע ווערטער להרבני מוהר"ר פלוני, ולהרבני מוהר"ר פלוני פרנסי חדשים מבראד, הנה אז עס וועט קומען צו אייך דער מענש ר' פלוני בעם איך אייך איר זאלט זעהן אים צו טאן א טובה ער איז איין איש הגון, און איז געווען אלע זיינע יאהרען איין עושר יעצט איז ער אגרויסער ארומאן, איר זאלט אום העלפען מיט אלע מעגלוכקייטען, ווארום איך בעש"ט בעט אייך דאס דאזיגע, פיליכט גלייבט איר ניט אז איך דער בעש"ט האב דעם בריף געשריבען, דא גיב איך אצייכען, אייערע ביידע ווייבער זענען מעוברות, באלד וועט מען קומען זאגען מזל טוב אייך אז ביי דעם איז געבארען געווארען א יונגעל און ביי דעם א מיידעל און דאס איז אייך א סימן אז איך בעש"ט האב געשוקט צו אייך דעם מענש איר זאלט אים טוען א טובה, פון מיר ישראל בעש"ט.

ט, וויא האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאַט אָפצולייגען דעם בריף איז בעקומען איין שליח פון ווייער היים און זיי געזאָגט די בשורה, פונקט ווי אין בריף שטייט, באַלד איז געוואָר גיוואָרען די גאַנצע שטאָט בראָד פון דער וואונדערליכע מעשה און מען האָט דעם יוד גליקליך געמאַכט, מען האָט איהם גישענקט פיהל געלד, און די אויסגיוועהלטע האָבען נאָך מער גוטס געטוען דעם יוד, ער איז געפאָרען גליקליך אַהיים, דאָ זעהט מען די גבורות הבורא, אַז אַ צדיק קען אַזוי וויט זעהען, און מיר זאָלען זוכה זיין, דאַס זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין ביי אַלעם גוטען, אמן ;

# אווינדערליכע מעשה וואָס הצדיק ר׳ ישראל פון בערשיט האָט דערציילט.

אין לעמבערג שטייט פערשריבען אין פינקס אַ ווינדירליכע זאַך וואָס עס האָט זיך דאָרט גיטראָפען, אין לעמבערג איז גיוועהן אַ שניידער ער איז ניט גיוועהן קיין גוטער בעל מלאכה, און ער האַט זיך ניט גיקאָנט אויס ארבייטען זיין פרנסה, דער שניידער האָט זיך אַריין גידרייט צו אַ דוכס אין הויף אַריין, ער האָט גיקאָנט זאָגען שיינע ווערטלעך, האָט ער ביים דוכס גימאַכט גילעכטערען, זיי זענען דערפון גיוועהן צופרידען און מען האָט איהם גיגעבען צו עסען און טרינקען, ער האָט גיגעסען אַלאַנגע צייט טריפות, און איין עבירה שלעפט מיט נאָך אַ עבירה ביז ער האָט עובר גיוועהן אויף כל עבירות שבתורה ר״ל, און עס איז פערביי גיגאַנגען פוהל וואָכען וואָס ער פלעגט גאָר ניט אַהיים קומען נעכטיגען, און ער איז אַמאָהל אַהיים געקומען נעכטיגען פלעגט איהם זיין ווייב שטראָפען אויף זיין שלעכט אויפפירונג, פלעגט ער זיא שלאָגען, איין מאָהל פרייטוג מיטען טאָג איז ער גישטאַנען פאַר׳ן הויף האָט ער גיזעהן וויא עס איז צו גיפאָהרען אַפוהר מיט דריי מענטשען צו דער קרעטשמע, וואָרים נישט וויט פון הויף איז גיוועהן אַ יודישע קרעטשמע, און זיי שטייגען אָפ און זיי נעמען ווייער פעקלעך אַראָפ און קרעטשמע אַריין, האָט דער שניידער פערשטאַנען מן הסתם איז דאָס אַ גוטער יוד מוט משמשים, איז ער אַריין גיגאַנגען צום דוכס און האָט צו איהם גיזאָגט ער זאָל איהם געבען אַ קוויטעל צום רינדאַר ער זאָל איהם אַריין לאָזען צו זיך אויף שבת, ווייל אָהן אַ קוויטעל האָט דער רינדאַר איהם נישט אַריין גילאָזט צו זיך און שטוב דורך זיין שלעכט אויפפירונג, דער דוכס האָט איהם גיפרעגט וואָס ועסטו טוהן ביים יוד שבת, צו האָסטו נישט ביי מיר צו עסען, האָט ער גיענטפערט, עס איז גיקומען אַ גוטער יוד צום רינדאַר, וויל איך דאָרט זיין שבת איך זאָל קאָנען זעהן זיין אויפפירונג, און נאָכהער אויס·שפּעטען

אויס

אויס אים, און איך וועל אייך אַלעס דערציילען, דעם דוכס איז דיא זאַך זייער געפעלען און האָט איהם געגעבען אַ קוויטעל, דער שניידער האָט געגעבען דאָס קוויטעל דעם רינדאַר האָט ער איהם אַריין געלאָזט צו זיך אויף שבת, ביינאַכט האָט זיך דער רבי געשטעלט דאַווינען, נאָכ'ן דאַווינען איז מען געגאַנגען צום טיש, דיא מענטשען האָבען זיך געזעצט אַרום דעם טיש, און דער שניידער איז געזעסען פון הינטען פונקט קעגען דעם רב'ן, דער רבי האָט דערקענט און שניידער אַז ער איז אַ בעל-עבירה האָט ער אָהן געהויבען זאָגען תורה ביים טיש נישט פון דער סדרה פון דער וואָך נור ער האָט גערעדט וועגען בעלי עבירות און ער האָט זייער געשענדט דיא מענטשען וואָס זיי טוען עבירות, און דער פרי צו דער סעודה האָט ער ווייטער געזאָגט תורה וועגען בעלי עבירות צו דער דריטער סעודה האָט ער זייער לאַנג גערעדט וועגען דיא מענטשען וואָס זענען עובר עבירות און דעם עונש וואָס זיי וועלען האָבען דערפאַר, דיא מענטשען וואָס זענען געזעסען ביים טיש האָבען זיך פאַרווינדערט וואָס דער רבי זאָגט ניט קיין תורה פון דער סדרה פון דער וואָך נור פון עניני עבירות, נאַכהער, האָט מען געבענטשט און געדאַווינט מעריב און דער רבי האָט געמאַכט הבדלה, דער רבי איז אַריין געגאַנגען און אַ צווייטע שטוב, דער שניידער איז ניט צוריק געגאַנגען צום דוכס, ווייל זאָ וויא ער האָט נור געהערט דיא תורה פון רבי'ן איז ער גאָר אַנדערש געוואָרען,

און האָט אָהן געהויבען חרטה צו האָבען אויף אַלע זיינע זונד, ער איז אַריין געגאַנגען צום רבי'ן מיט אַ געוויין און האָט געזאָגט, הייליגער רבי, איך ווייס דיא גאַנצע תורה וואָס איהר האָט געזאָגט שבת וועגען בעלי עבירות האָט איהר מיך געמיינט, איהר זאָלט וויסען איך האָב עובר געווען אויף כל עבירות שבתורה, נור יעצט האָב איך זייער חרטה דערויף און איך וויל דער רבי זאָל מיר אַרויס געבען אַ תשובה, איך בין גרייט אויף מיר צו נעמען אַלעס וואָס דער רבי וועט מיך הייסען, וויא דער רבי האָט געזעהן אַז ער מיינט באמת מיט'ן גאַנצען האַרץ תשובה צו טוהן, האָט ער צו איהם געזאָגט אויב וועסט אויף דיר נעמען צו פאַסטען פון שבת צו שבת דורכאַנאַנד אַגאַנצע וואָך און אַזוי כסדר פאַסטען ביז מען וועט דיר מודיע זיין פון הימעל אַז עס איז שוין גענוג דאַמאָלס וועסטו הערשט אויף הערען צו פאַסטען, און כל זמן מען וועט דיר ניט צווייסען טוהן פון הימעל זאָלסטו ניט אויפהערען צו פאַסטען, אויב וועסט אַזוי טוהן וועט מען דיר מוחל זיין אַלע עבירות, דער שניידער האָט אויף זיך אַלעס מקבל געווען, און זינטאָג איז ער שוין נישט צוריק געגאַנגען צום דוכס. נור ער איז אַריין געגאַנגען און שטאָט אַריין [קיין לעמבערג] און איז געגאַנגען און שוהל אַריין דאַווינען, ער האָט זיך דאָרט פערזוימט לענגער וויא אַלע מענטשען, דער שמש האָט געוואָלט פאַרשליסען דיא שוהל, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם געזאָגט ער זאָל אַרויס גיין פון שוהל, האָט

ער

ער גיבענטשט, אזוי וויא איך האב אויף מיר גענומען צו פאסטען משבת לשבת, וויל איך זאלסט מיך פארשליסען און שוהל ביז שבת דאן וועל איך הירשט גיין אהיים, און אזוי זאלסטו מיר טוהן אלע וואך, דער שמש האט אזוי גיטוהן, ער האט איהם פארשלאסען און איז אוועק גיגאנגען, דער שניידער מחמת ער איז ניט גיוועהן גיוואהנט קיינמאהל צו פאסטען איז ער שיעור אומגעקומען פאר הונגער, נור וואס ער האט גיזעהן עס ריקט זיך צו דער שבת ער וועט שוין קענען עסען דאס האט עהם אויפגיהאלטען, וויא עס איז געקומען פרייטיג צו נאכט'ס דער עולם האט אפגידאווינט און אוועק גיגאנגען, דער שמש האט פארגעסען אויף צו שליסען דאס חדר וויא דער שניידער איז גיזעסען, [וויל דער שניידער פלעגט זיך הייסען פערשליסען און א בעזונדער חדר כדי דער עולם זאל עהם ניט זעהן] און איז אוועק גיגאנגען און פערשלאסען דיא שוהל, דער שניידער האט שוין גיהאפט דיא מינוט דער שמש זאל איהם אויפשליסען ער זאל קאנען אהיים גיין עסען הערט ער אז אין שוהל איז שוין שטיל עס איז שוין קיינער נישט דא און דיא ליכט זענען אויסגילאשען האט ער פערשטאנען מן הסתם האט דער שמש פארגעסען אויף צו שליסען מיין חדר, האט ער זייער אנגיהויבען צו וויינען כמעט דיא נשמה איז איהם שיעור אויסגיגאנגען, און האט אנגעהויבען צו ריידען צו השי"ת רבש"ע איך זעה אז מיין תשובה איז ניט אנגענומען גיווארען, יעצט ווען מיין תשובה זאל זיין אנגענומען וואלט מיך דער שמש נישט גיוועהן פארגעסען אויפצושליסען, יעצט איז דער טויט ליבער וויא דאס לעבען, ער איז אזוי גיזעסען און גיוויינט ביז ער איז אנטשלאפען גיווארען, איז אליהו הנביא געקומען צו איהם און חלום און האט איהם גיזאגט, מען האט מיך גישיקט פון הימעל דיר א בשורה זאגען אז דיין תשובה איז אנגענומען געווארען און זאלסט שוין מיין ניט פאסטען, און דער שמש וועט באלד קומען דיר אויפשליסען דיא שוהל וועסטו גיין אהיים, און נאך שבת זאלסטו פארקויפען דיין הויז און זאלסט דיר קויפען אהויז נעבען מרחץ און איך וועל קומען אלע נאכט מיט דיר לערנען, דער שניידער האט זיך אויפגיכאפט פון שלאף האט ער גידענקט דעם גאנצען חלום, האט ער ביי זיך גיטראכט אויב איך וועל זעהן דער שמש וועט קומען מיר אויפשליסען וועל איך וויסען אז דער חלום איז אמת, עס איז אזוי גיוועהן, דער שמש איז תיכף געקומען אויפשליסען און האט ביי איהם גיבעטען ער זאל איהם מוחל זיין וויל ער האט גאר און גאנצען פארגעסען און איהם, און דער שמש האט איהם דערציילט וויא ער איז גילעגען און גישלאפען האט זיך און חלום צו איהם בעוויזען א אלטער מאן און האט אים אויפגיוועקט ער זאל גיין גיך און שוהל אריין אויפשליסען דאס חדר, וויא דער שניידער האט יעצט פארשטאנען אז דער חלום איז אמת האט ער זיך זייער גיפרייט צוליעב עטליכע זאכען, איינס, וויל ער האט גיזעהן אליהו

הנביא און חלום, און ווייל מען האט איהם אבשורה גיזאגט אז זיין תשובה איז אנגינומען גיווארען, און ווייל מען האט אים גיזאגט ער זאל שוין מעהר ניט פאסטען, און ווייל אליהו הנביא וועט קומען אלע נאכט מיט איהם לערנען, ער איז אהיים גיגאנגען, זיין ווייב, איז שוין גישלאפען, ער האט אנגיקלאפט מען זאל איהם עפינען, זיין ווייב האט זיך אויפגיחאפט האט זי גיהערט אז דער מאן קלאפט און פענצטער, און ווייל זיא האט ניט גיוויסט וואס עס איז מיט אים פארגעקומען דיזע וואך, האט זיא גימיינט אז ער איז נאך אויף דעם איינגענעם שטאנד, ער איז נאך ארשע, האט זיא איהם אנגיהובען צו שעלטען און האט צו איהם גיזאגט, צו האסט דיא נישט צו עסען ביים דוכס וואס דיא ביסט צו מיר געקומען און מיטען דער נאכט מיך איבער צו וועקען גייא פון וואנען דיא ביסט געקומען, ער האט זיא אנגיהויבען זייער צובעטען און האט גיזאגט עס איז דאך היינט שבת, עפען מיר דיא טיר איך זאל קאנען אריין גיין מאכען קידוש און עסען לכבוד שבת, וויא זיא האט גיהערט אז ער דערמאנט עטליכע מאהל דאס ווארט שבת און ער רעדט אנדערש וויא ער פלעגט ריידען פריער, האט זיא אנגיהויבען צו קלערען פיליייכט איז דאס ניט איהר מאן, האט זיא איהם ניט גיוואלט עפינען, ער האט זיך ווייטער אנגיהויבען צובעטען ביי איהר זיא זאל איהם עפענען, האט זיא ביי זיך גיטראכט איך וועל עפענען נאר זיא וועט איהם ניט געבען צו עסען נאר אז ער וועט איהר ריידען עסען וועט זיא איהם זאגען ער זאל זיך אליין נעמען, און אויב זיא וועט זעהן אז ער נעמט זיך אליין איז אבעוויין אז ער איז איהר מאן, ווייל און שטוב איז גיוועהן פינצטער און אויב ער איז אפרעמדער וואלט ער דאך ניט גיוויסט זיך אליין צו נעמען עסען, זיא האט איהם גיעפונט ער האט גיזאגט גוט שבת און האט גיזאגט שלום עליכם און האט זיך גענומען דעם וויין און קידוש גימאכט, און ער האט זיך גענומען צו עסען און ער האט גיבענטשט און זיך גילייגט שלאפען אויף דער ערד, זי האט שוין ניט גיקאנט שלאפען, זי האט נאר אויסגיקוקט עס זאל טאג ווערען, וויא עס איז טאג גיווארען האט זיא גיזעהן אז דאס איז איהר מאן, ער האט זיך אויפגיהויבען און איז גיגאנגען און מקוה אריין זיך טובל זיין לכבוד שבת, און איז גיגאנגען און שוהל אריין דאווינען, נאכ'ן דאווינען איז ער אהיים גיגאנגען און האט גיזאגט גוט שבת און האט גיגעסען דיא סעודה וויא עס דארף זיין, דאס ווייב האט איהם גיפרעגט, וואס פאר א נייעס איז דיר גישעהן וואס ביסט גאר אנדערש גיווארען וויא פריער, האט ער איהר גיענטפערט אז נאך שבת וועט ער איהר אלעס דערציילען, מוצאי שבת האט ער איהר דערציילט וואס עס איז איהם פארגיקומען דיא וואך, און ער האט איהר גיזאגט אז ער וויל פארקויפען דאס הויז און זיך קויפען א הויז נעבען מרחץ, נאר דאס ווייב האט נישט איינגעוויליגט דערויף האט ער איהר גיזאגט דעם טעם

פאַר וואָס ער וויל זיך קויפען אַ הויז נעבען מרחץ, איז זיא שוין באַשטאַנען דערויף, קיין שום מענטש און לעמבערג האָט דערפון נישט געוויסט, דער לעמבערגער רב פלעגט זיך אויף הייבען און מוטען דער נאַכט לערנען, אַמאָהל האָט ער אויף געוועקט דעם שמש דען דער רב האָט גיזעהן וויא איינ'ם הויז וואָס שטייט נעבען מרחץ לייכט זיך, האָט דער רב גישיקט דעם שמש ער זאָל זעהן וואָס מען טוט דאָרט יעצט איין עבירה, דער שמש האָט אָנגיקלאַפּט האָט מען איהם גיעפענט, האָט ער גיזעהן וויא דער שניידער זיצט און פאַרעכט אַ מלבוש, און עטליכע מינוט אַרום איז דער רב ווייטער גיגאַנגען און מוטען דער נאַכט מיט'ן שמש און מקוה אַריין, האָט ער ווייטער גיזעהן דאָס זעלבע, וויא עס לייכט זיך דאָרט אינם שטיבעל, דער רב האָט ווייטער אַריין גישיקט דעם שמש זעהן וואָס מען טוט, ער האָט ווייטער גיזעהן וויא דער שניידער זיצט און פאַרעכט אַ מלבוש, נאָכהער ביים דריטען מאָהל איז אויך גיוועהן דאָס זעלבע, דעם רב איז דיא זאַך גיוועהן אַ ווינדער וואָס ער זיצט און אַרבייט און מוטען דער נאַכט, דער רב איז אַליין אַריין גיגאַנגען און שטוב אַריין האָט ער גיזעהן עס איז פינסטער און שטוב, דאָס איז איהם גיוועהן נאָך מיין ווינדער, דער רב האָט גיזאָגט צום שניידער ער זאָל איהם זאָגען דעם אמת וואָס דאָ איז אַזוינס, וואָס דער שמש האָט מיר גיזאָגט אַז דיא זיצט און פאַרעכסט אַ מלבוש און איך בין אַריין גיגאַנגען זעה איך אַז עס גאָר פינסטער און שטוב, אַלזאָ בין איך אויף דיר גוזר בגזירת הרב דיא זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת, דער שניידער האָט איהם גיזאָגט אַז אליהו הנביא קומט צו איהם אַלע נאַכט לערנען, דער רב איז זייער דערשראָקען גיוואָרען און האָט גיהאַט דערפון שפלות הדעת וואָס צו אַזאַ פּראָסטען שניידער קומט אליהו הנביא לערנען און צו איהם נישט, דער רב האָט גיבעטען דעם שניידער ער זאָל בעטען אליהו הנביא ער זאָל מיט איהם אויך לערנען, דער שניידער האָט איהם צו גיזאָגט, נאָכהער האָט דער שניידער גיטראָפען דעם רב האָט ער איהם גיזאָגט אַז ער האָט גירעדט מיט אליהו הנביא דערפון, האָט אליהו הנביא גיענטפערט אַז דער רב האָט נישט קיין זכיה אַז ער זאָל מיט איהם לערנען נאָר איך זאָל מיט אייך לערנען דאָס וואָס אליהו הנביא לערינט מיט מיר דער רב האָט אויף דעם אויך איינגיוויליגט און אַלע נאַכט איז ער גיגאַנגען צום שניידער און ער האָט מיט איהם גילערינט דאָס וואָס ער האָט גילערינט פון אליהו הנביא, אַזוי איז גיוועהן אַלאַנגע צייט, אַמאָהל האָט דער רב גיזאָגט צום שניידער, איך האָב זייער פאַרגעניגען פון דעם לערנען, נאָר מיין הארץ קלאַפּט מיר טאָמער איז דאָס לערנען פון דער סט"א ח"ו דעריבער וויל איך זאָלסט בעטען ביי אליהו הנביא ער זאָל מיר געבען אַ צייכען דערויף, דער שניידער האָט איהם צו גיזאָגט, ביינאַכט ווען דער רב איז גיקומען צום שניידער לערנען האָט ער איהם גיפרעגט וואָס האָט אליהו הנביא גיענטפערט, האָט ער גיזאָגט אַז דעם

סימן

סימן האָט ער גיגעבען אַז דאָס לערנען איז פון דער קדושה, אַז כל זמן איך וועל לעבען, וועט קיין שום מענטש ניט שטאַרבען און לעמבערג, און אַ צייט אַרום איז דער שניידער גישטאָרבען, האָט דער רב איהם גימאַכט אַ הספד, און דער רב האָט איטליכען דערציילט דאָס גרויסקייט פון שניידער, די מעשה איז פערשריבען גיוואָרען און אַלטען פונקס און לעמבערג כדי יעדער זאָל וויסען וויא גרויס דער כח פון תשובה איז אַז און אַ קורצע צייט קאָן מען ווערען דער גרעסטער צדיק אויב מען טוהט מיט מסירת נפש זי״ע ועל כל ישראל אמן:

# אַוואונדערלעכע מעשה פון הרב הצדיק רעד רבי ר׳ ישראל מריזין וסאַדעגערי זצ״ל.

עס איז גיוועזן אין דער צייט ווען דער היילוגער צדיק פון ריזין איז געזעסען און תפיסה איין ערך פון עטליכע חדשים, עס האָט צו אום קיינער ניט גיקענט צו קומען ער זאָל מיט אום ריידען אפילו איין וואָרט, אויף איינמאָל איז פאַר ביי געגאַנגען פאַר דער תפיסה אַ יודישער זעלנער אַ יונגער מאַן וואָס ער פלעגט אויך פאָרען קיין ריזין, האָט ער אַלץ נאָר געוואָלט עס זאָל אום אויס קומען ער זאָל גיין פאַר דער תפיסה פאַר איין וואַך דאָרטען ווי דער רבי זיצט, ער האָט זייער געוואָלט דעם צדיק טוען אַנחת רוח, האָט דער משמש גירייידט מיט דעם צדיק, האָט דער צדיק געזאָגט לעת עתה נאָך ניִשט, נאָר און עטליכע טעג אַרום בעט איך איהם אַז ער זאָל מיך אַרויס לאָזען פון דער תפיסה אויף אַפאָר שעה איך זאָל קענען מחדש זיין די לבנה, ווי דער יודישער זעלנער האָט דאָס געהערט האָט ער זיך גוט געמומען און קאָפ אַריין, ער זאָל ניט פאַרגעסען, עס איז אַקוראַט אויף אום ניט אויס געקומען ער זאָל דאָרטען גיין אויף דער וואַך, בקיצור דער יודישער זעלנער האָט גוט נאָך געפאָרשט ווער עס וועט גיין פאַר אַוואַך און די צוויי שעה ביי דעם צדיק׳ס תפיסה דעמאָלס ווען עס וועט זיין די צייט פון חידוש הלבנה, ביז ער איז געוואָר געוואָרען, ווי עס איז געקומען ביי דער נאַכט איז ער געגאַנגען צו דעם זעלנער וואָס ער איז דאָרטען געשטאַנען, און האָט אום געבעטען ער זאָל אום לאָזען שטיין אויף די צוויי שעה, און האָט אום געגעבען אויף בראָנפען, הכלל עס איז אַזוי געווען, ער איז גיגאַנגען און האָט תיכף מודיע גיוועזן דעם משמש, אַז ער איז אָנגעברייט צו טוען דעם צדיק׳ס רצון, ער איז גיגאַנגען און האָט אום אויף גיעפינט די טיר פון דער תפיסה און האָט אום אַרויס גילאָזט, און דער צדיק האָט זיך אַנודער געשטעלט מחדש זיין די לבנה, איז

איז ער געשטאנען א צווי דריי שעה, גאר אן איין סוף, און דער זעלנער איז געשטאנען און האט געציטערט, און האט געווארט, דען ער האט ניט געקאנט מעיז פנים זיין און איהם זאגען ער זאל צוריק אריין גיין. און דערוויל איז שוין די פאר שעה אוועק געגאנגען, און נאך אפאר מינוט בעדארפען אנקומען אנדערע אויף זיין ארט קען איהם קומען טויט־שטראף. בקיצור, דער זעלנער האט געבעטען דעם משמש ער זאל זאגען דעם רבין, אבער דער משמש האט זיך זייער אפגעהיטען פון צו שטערען דעם צדיק'ס כוונות, און דער רבי שטייט ווייטער און איז מתפלל אזוי ווי איין ערך פון פינף שעה, און דער זעלנער איז געשטאנען מיט גרויס פחד, צום סוף האט זיך דער רבי אליין דערמאנט, און האט געזאגט צום משמש קום שוין, מיר וועלען צוריק גיין:

בקיצור דער צדיק איז צוריק געגאנגען און דער תפיסה, עס האט נאך ניט געדויערט אפילו א רגע וואס מען האט פאר שלאסען די טיער איז אנגעקומען די אנדערע זעלנער אפלייזען די וואך, און די זעלנער האבען געבעטען פון דעם יודישען זעלנער ער זאל זיי מוחל זיין וואס זייא זענען ניט געקומען אין דער צייט, ווארום א גאנצע נאכט האבען זיי געבלאנזיט, זיי האבען ניט געוואוסט דעם וועג, און די קעלט האט דורך גענומען זייערע אברים. אנשטאט וואס ער האט געמיינט אז ער וועט זיי מוזען בעטען, צום סוף האבען זיי נאך אום געבעטען ער זאל זיי מוחל זיין, פון דער מעשה קען מען זעהן אז דער צדיק האט געמיינט די מצוה צו טוען מיט דעם גאנצען הארץ, האט אום השם יתברך געהאלפען, אזוי זאל אונז השם יתברך העלפען אז מיר זאלען קענען גאט דינען מיט דעם גאנצען הארץ אמן:

# אווינדערליכע מעשה פון הייליגען צדיק ר' יצחק אייזיק שו"ב.

דער פארבארגינער צדיק ר' יצחק אייזיק שו"ב פון דארף זיראווין נעבען פרעמיסלא זיין שטייגער איז גיוועהן צו פארבארגען זיינע מעשים קיין שום מענטש האט פון איהם ניט געוויסט וויא לאנג ער האט גילעבט וויא הייליג ער איז, פיהל מענטשען האבען איהם ביהאלטען פאר א משוגע'נים, איין מאהל האט דער פרעמיסלער רב גישיקט נאכ'ן שוחט ער זאל צו איהם קומען, ער האט איהם גיוואלט מעביר זיין פון שחיטות, ווייל ער האט גיהערט אז ער איז איין עם הארץ און פירט זיך ניט אויף גוט, דער שוחט איז גיקומען צום רב ווען ער ער איז גיוועהן אויף איין ברית מילה, האט ער גיזאגט צום רב, איך האב

מיט

מיט איין צו רײדען אַ פֿאַרבאָרגענע זאַך, דער רב איז מיט איהם געגאַנגען אויף אַ פֿאַרבאָרגען אָרט, האָט ער געזאָגט צום רב אַז ער איז אַ בועל נדה, נאָר איהר זענט און דעם ניט שולדיג ווײל אײער ווײב ווען זיא האָט געדאָרפֿען גײן טבילה האָט זיא זיך געמאַכט אַ וואַן און דערהײם נאָר דיא דינסט האָט דערפֿון געוויסט. דער רב האָט געפֿרעגט דיא דינסט צו עס איז אמת, האָט זיא געזאָגט יאָ. פֿון דאַמאָלס אָהן האָט דער רב געוויסט פֿון זײן גרויסקייט, נאָר דער שוחט האָט געבעטען דעם רב ער זאָל קײנעם ניט מגלה זײן פֿון איהם. אַמאָהל איז געקומען צום שוחט אַ יונגערמאַן און האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם לערנען שחיטות, האָט ער ניט געוואָלט, האָט איהם דער יונגערמאַן געפֿרעגט פֿאַרוואָס, האָט ער אַרויסגעפֿירט דעם יונגענמאַן אויף דער גאַס און האָט געגעבען אַ שאָקעל מיט דער האַנד אויף זײן פּנים האָט ער געזעהן ווי עס שטײט אַ מענטש אויפ'ן דאַך און האַלט אַ מעסער און האַנד און שעכט זיך און דאָס בלוט רינט פֿון איהם און פֿאַלט אַנידער אויף דער ערד, נאָכהער ווערט ער צוריק לעבעדיג און שעכט זיך ווייטער, אַזוי טוט ער פֿיהל מאָהל, האָט ער געזאָגט צום יונגענמאַן, דעם מענטש וואָס דוא זעהסט דאָ ער איז געוועהן בײ זײן לעבען אַ שוחט, און נאָכ'ן טויט האָט ער דעם עונש ווײל ער איז ניט ראוי געוועהן דערצו. נאָר איין יונגענמאַן פֿון פּרעמישלאָ האָט ער יאָ געלערנט שחיטות און האָט איהם אָהנגעזאָגט ער זאָל קײנעם ניט מגלה זײן פֿון איהם. אַמאָהל איז דורך געפֿאָהרען דורך דעם דאָרף דער הייליגער רבי ר' אהרן מקאַרלין און האָט זיך אָפּגעשטעלט בײ דעם הויז פֿונ'ם שוחט דאַמאָלס איז געוועהן ערב שבת דער שוחט איז נישט געוועהן און דעהײם האָט ער געפֿרעגט דאָס ווײב ווי איז דער מאַן האָט זיא געענטפֿערט אַז פֿאַרנאַכט וועט ער קומען, דער רבי האָט געזעהן און שטוב ליגען רוי פֿלייש און דיא קדושה רוהט דערויף, האָט ער געפֿרעגט צו ער וועט קענען דאָ האַלטען שבת, האָט זיא געענטפֿערט יאָ, און פֿאַר לעכטצינדען איז דער שוחט אַהײם געקומען אָהנגעטוהן זייער ניט קײן שײן מלבוש, און ווי ער האָט געזעהן דעם רבי'ן ר' אהרן האָט ער זיך זייער פֿאַרבאָרגען פֿון איהם, און דער רבי האָט מקבל שבת געוועהן זייער מיט גרויס התלהבות, און דער שוחט האָט געדאַווינט אַזוי ווי אײנער פֿון פּראָסטע מענטשען, דער רבי האָט אַלע מאָהל געקוקט אויף איהם און ער האָט אויף איהם גאָר ניט געזעהן, נאָר און שטוב האָט ער געזעהן אַז עס רוהט אַ קדושה, נאָכ'ן דאַווינען האָט דער רבי געמאַכט קידוש מיט התלהבות, און ער האָט קידוש געמאַכט און דערגיך זאָ ווי אַ פּראָסטער מענטש, און זיי האָבען געגעסען בעזאַמען, און בײ דעם עסען האָט דער רבי געפֿילט און עסען זייער אַ גרויסע קדושה, ער האָט אַלע מאָהל געקוקט אויפ'ן שוחט און האָט אויף איהם גאָר ניט געזעהן. מוצש"ק האָט דער רבי געוואָלט בעצאָהלען

בעצאָהלען פאַר'ן שבת, איז דער שוחט מיט'ן ווייב נעלם געוואָרען פון שטוב ער האָט געוואַרט אויף זיי ביז האַלבע נאַכט און זיי זענען ניט גיקומען, האָט ער גימוזט אַוועק פאָהרען, און עטליכע טעג אַרום האָט דער שוחט גישיקט זיין ווייב און שטאָט אַריין צו דער חברה קדישא זיי זאָגען אַז זייא זאָלען תיכף קומען ווייל ער האַלט ביי שטאַרבען, זיא איז גיגאַנגען און שטאָט אַריין און האָט מודיע געווען דער חברה קדישא, זיי זענען אַרויס גיפאָרען און דאָרף אַריין האָבען זיי איהם נישט גיטראָפען און דערהיים, האָט מען זי גיפרעגט וויא איז דיין מאַן, האָט זיא גיענטפערט אַז ער איז אַוועק גיגאַנגען און מן הסתם וועט ער באַלד קומען, זיי האָבען זיא אָנגיהויבען שטאַרק צו פליכען און האָבען איהר גיזאָגט דיא ביסט משוגע און דיין מאַן איז משוגע, דיא האָסט גיזאָגט אַז דער מאַן האַלט ביי שטאַרבען צום סוף איז ער גיזינד און האָסט אינז אומזיסט מטריח גיוועהן, און דעם איז דער מאַן אָנגעקומען און האָט גיהאַלטען אין דער האַנד אַ ביסעל שטרוי און זיין פנים איז גיוועהן וויא אַ פלאַם פייער, דיא אַלע מענטשען האָבען זיך פאַר איהם זייער דערשראָקען, ער האָט גיזאָגט צו דיא מענטשען, הערט צו רבותי, איך האַלט ביי שטאַרבען, און ביז אַהער בין איך גיוועזן פאַרבאָרגען פון מענטשען, און יעצט איז מיין פערלאַנג אַז באַלד נאָך מיין אָפשטאַרבען זאָל מען שיקען און שטאָט אַריין מודיע זיין אַז מענטשען זאָלען קומען מיט טינט און פאַפיר און מען זאָל מעתיק זיין מיינע כתבים וואָס ליגען און מיין קעסטיל און מען זאָל זיי דריקען, און דאָס איבערזעצונג פון דיא כתבים זאָל זיין כל זמן איך וועל נאָך ליגען אויף דער ערד איידער מען וועט מיר אָהן טוהן דיא תכריכים, מיין האָט ער גאָר ניט גירעדט, ער האָט גינומען דאָס ביסעל שטרוי און האָט אַנידער גילייגט אויף דער ערד און ער האָט זיך אַנידער גילייגט אויף דעם ביסעל שטרוי, און דאָס פנים האָט איהם גיפלאַמט וויא אַשטיק פייער און ער איז תיכף נפטר גיוואָרען, האָט מען תיכף מודיע גיוועהן און שטאָט אַז מען זאָל אַרויס קומען מיט טינט און פאַפיר, זענען אַלע מענטשען פון שטאָט אַרויס גיפאָהרען און הינדערט תלמידי חכמים האָבען מעתיק גיוועהן דיא כתבים, און ער האָט אָנגיזאָגט אַז מען וועט זעהן וויא זיין פנים ווערט גיענדערט זאָל מען אויפהערען מעתיק צו זיין, וויא זיי האָבען גיזעהן אַז זיין פנים ווערט פאַרענדערט און דאָס קעסטיל מיט דיא כתבים האָט זיך זעלבסט פערמאַכט, האָט מען אויפגיהערט צו שרייבען, און מען האָט זיין רעכט גיטוהן און מספיד גיוועהן וויא עס דאַרף זיין, נאָך זיין הסתלקות איז דער רבי ר' אהרן קאַרלינער צוריק גיפאָהרען דורך דער שטאָט פרעמיסלאָ האָט מען איהם דערציילט פון דעם שוחט'ס הסתלקות, און דאָס וואָס ער האָט אָנגיזאָגט פאַר'ן טויט, האָט דער רבי זייער גיקלאָגט דערויף וואָס ער האָט ניט זוכה גיוועהן ער זאָל איהם גיט קענען

קענען און זאָל זיך אָנזעטען פון זיין קדושה, איז ער גיפאָהרען און דעם דאָרף אַריין און האָט גירעדט מיט זיין ווייב זיא זאָל איהם עפיס מגלה זיין פון מאַן, האָט זיא גיזאָגט אַז מיין מאַן האָט מיך ניט גיהייסען מגלה זיין קיין שום זאַך, נאָר איין זאַך וועל איך אייך מגלה זיין, זיא האָט איהם גיפירט צום פענסטער וואָס דאָרט איז גישטאַנען צוויא לייכטערליך אין און זיי איז גיוועהן צוויא פאַרלאָשענע שטיקלעך ליכט, האָט זיא איהם גיזאָגט, זאָ וויא איך האָב חתונה גיהאַט מיט מיין מאַן האָבען זיך דיא צוויא שטיקלעך ליכט כסדר גיברענט וויא לאַנג ער האָט גילעבט און אַזוי וויא ער איז נסתלק גיוואָרען זענען דיא ליכט פאַרלאָשען גיוואָרען, דער רבי האָט זיך זייער גיהאַקט און קאָפּ אַריין פאַרוואָס ער האָט נישט זוכה גיוועהן ער זאָל איהם גיט קענען, און איז גיגאַנגען און שטוב היין און צוריק און האָט גיקושט דיא ווענט, זי"ע ועכי"א:

# וואונדערלעכע מעשה פון הייליגען רבי'ן ר' דוד מטאלנא זצ"ל.

דער רבי ר' דוד פון טאַלנאָ פלעגט היילען אַלע מיני שלאַפע מיט קמעות, אויך פיהל מענטשען וואָס עס איז און זיי אַריין אַ דיבוק ר"ל פלעגט ער זיי גאָר וואונדערליך היילען און מען איז פון איהם צוריק גיזונד אַהיים גיפאָהרען, אַמאָהל האָט זיך גיטראָפען אַ מעשה און אַ דאָרף וואָס איז נאָהנט דער שטאָט לעטישוב אַז אַ בחור איז גיגאַנגען אויף דיא פעלדער און דער צייט פון שניט נאָהנט פון דאָרף, און צוריק צו וועגס האָט זיך איהם גידאַכט אַז אַ שטיק פייער פליהט פאַר זיינע אויגען, ער איז אַהיים גיקומען און איז משוגע גיוואָרען, דעם בחור'ס פאָטער האָט גיהייסען שמואל, וויא דער שמואל האָט גיזעהן דאָס אומגליק וואָס האָט איהם גיטראָפען, איז ער גפאָהרען מיט דעם בחור קיין טאַלנאָ צום רבי'ן, וויא זיי זענען געקומען צום רבי'ן, האָט דער רבי גיפרעגט דעם דיבוק וואָס איז גיוועהן אין בחור ווער ביסטו, האָט ער גיענטפערט דער שמואל קען מיך גיט, איך האָב אויך גיוואָהנט און דעם זעלבען דאָרף וואָס שמואל וואָהנט און מיין נאָמען איז משה קראַטשינער, און שוין דאָס פיפטצ יאָהר וואָס איך בין גיט אויף דעם עולם, און איך האָב גיטוהן דריי האַרבע עבירות וואָס דורך זיי האָב איך נישט קיין מנוחה, און פיער יאָהר בין איך גיוועהן מגולגל און בהמות טמאות און מיר איז גיוועהן זייער ביטער און יעצט בין איך אַזוי אומגיפליגען איך האָב נישט גיהאַט קיין מנוחה, ביז מען האָט מיר גיגעבען רשות איך זאָל אַריין און דעם בחור, און דאָס זענען דיא עבירות וואָס איך האָב גיטוהן,

איך

איך האָב גיקויפט אַ בהמה שותפות מיט שמואל׳ן און מען האָט זיא גישאָחטען און זיא איז טריפה גיוואָרען האָט שמואל פאַרקויפט זיין חלק פלייש פאַר טריפות, און איך האָב פאַרקויפט פאַר כשר, און דיא יודען און דאָרף האָבען גיבויעט אַ בית המדרש, האָב איך אָנגירעדט דעם גלח ער זאָל נעמען ביי דיא יודען געלד פאַר דעם לייִם וואָס זייא נעמען נעבען דאָרף, און נאָכהער האָב איך פאַרברענט דאָס בית המדרש, און דורך דיא דריי עבירות קאָן איך נישט האָבען קיין תקומה, אויך האָב איך איבער גילאָזט אַ זוהן, ביי מיין אָפּשטאַרבען איז ער אַלט גיוועהן עליף יאָהר און ער האָט נישט גיוואָלט זאָגען קיין קדיש, מען האָט איהם גישלאָגען און גיפייניגט ער זאָל זאָגען קדיש און ער האָט בשום אופן נישט גיוואָלט זאָגען, דאָס האָט מען פון הימעל עקסטרא פאַרמאַכט דאָס מויל פון קינד בכדי איך זאָל קיין תקומה נישט האָבען, אַזוי האָט דער דיבוק דערציילט דעם רבי׳ן, און דער שמואל איז זייער דערשראָקען גיוואָרען פון דיא רייד, און ער האָט אויך דערציילט דעם רבי׳ן דיא אַלע זאַכען אַז ער גידענקט עס גלייך עס וואָלט הערשט גיוועהן, דער רבי האָט דערוויל גיהייסען דער שמואל זאָל נעמען דעם בחור און גיין אויף דער סטאַנציע, ער האָט אַזוי גיטוהן, ביינאַכט האָט דער דיבוק אָנגיהויבען שטאַרק צו אַרבייטען אין דעם בחור, און דער בחור איז גיוועזן מסוכן ר״ל, איז דער שמואל גילאָפען צום רבי׳ן מיט אַגיוויין אַז דער רבי זאָל זיך דערבאַרמען אויף זיין זוהן און זאָל איהם היילען, דער בחור איז איבער גיבליבען אויף דער סטאַנציע און איז איינגישלאָפען, האָט דער רבי גינומען קוילען אַריין גילייגט און אַ טאָפּ אַריין און האָט דאָס גיגעבען שמואל׳ן ער זאָל דאָס אַ ריינטער שטעלען ביים בחור אינטער׳ן בעט, און וויא דער פאָטער האָט דיא קוילען אַ ריינטער גישטעלט אינטער׳ן בעט האָט זיך דער בחור אויפגיחאַפּט מיט גרויס שרעק און האָט אָנגיהויבען צו שרייען, דער רבי פאַרברענט מיך, דיא שמואל גייא געך צום רבי׳ן און זאָג איהם אויב ער וועט מיר נישט געבען קיין תיקון וועל איך דערווערגען דעם בחור, ער האָט דאָס דערציילט דעם רבי׳ן, האָט דער רבי גיענטפערט אַז ער מיז וואַרטען ביז מאָרגען, און דער בחור האָט גיהאַט זייער אַ שווערע נאַכט, וועיל אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נישט גירוהט נור ער האָט גישריגען מיט אַ הויך קול, צו מאָרגינס איז דער שמואל מיט׳ן בחור גיגאַנגען צום רבי׳ן, האָט דער רבי גיזאָגט צום דיבוק, איך בין גוזר אויף דיר זאָלסט אַרויס פון בחור דורך דעם קלענסטען פינגערל און זאָלסט איהם גאָר נישט קיין שאָדען טוהן, און עס איז אַזוי גיוועהן, און דער שמואל מיט׳ן בחור זענען פאַרבליבען אויף שבת ביים רבי׳ן, שבת ביים טיש האָט דער רבי גיזאָגט צום בחור און גילעכטער נאָ דיר אַ חלה פון דיא י״ב חלות און זאָלסט געבען דעם דיבוק אַ מתנה, האָט דער בחור גיענטפערט אַז ער האָט שוין נישט קיין כח קיין גישעפּטען

גישעפטען צו פירען מיט'ן דיבוק
ווייל ער האט איהם זייער אפגישוואכט,
נאכהער האט דער רבי גיזאגט צו
שמואל'ן ער זאל הייסען דעם משה'ס
יתום זאגען קדיש נאכ'ן פאטער
עליף חדשים פון היינט אהן, דיא
אנדערע נאכט איז דער דיבוק גיקומען
דעם בחור צום חלום און האט איהם
גיזאגט אז ער זאל זאגען דעם רבי'ן
ער זאל מתפלל זיין פון זיינעט
וועגען אז דיא חיצונים זאלען ניט
צוחאפען זיין נשמה, דער רבי האט
גיזאגט אז ער וועט מתפלל זיין פון
זיינעט וועגען, זי"ע ועכי"א: